Otto Schneider
Papers

7:12

Eljowicz
3725

יידישע געזעלשאפט צו פערשפרייטן קונסט
ŻYDOWSKIE TOWARZYSTWO KRZEWIENIA SZTUK PIĘKNYCH
THE JEWISH SOCIETY OF ARTS — SOCIETÉ JUIVÉ DES BEAUX ARTS

Warszawa Sienna 60 — יוארשע שעננע 60

רעגיסטער 47/ — װארשע דעם 25 אָקטאָבער 1947

צום

דר' אָטאָ שנייד, ירושלים,

זייער חשובער דר'

אין צוזאמענהאנג מיטן פארענדיקן א יאָר טעטיקייט פון אונדזער געזעלשאפט, שיקן מיר אייך צו דעם דאָזיקן ארטיקל, אָנגעשריבן פון פרוי פּאָדהאָריצער-זייקין. די מחברן איז בעהאװנט אין דער טעטיקייט פון אונדזער געזעלשאפט און װײזט ארויס גרויס פאראינטערעסירונג פראגן פון קונסט. מיר װאלטן אייך דערביי זייער געבעטן אָפּדרוקן דעם דאָזיקן ארטיקל אין איינע פון די פאליעסטינעשע צייטונגען נאָך אייער איינזען.

מיט גרויס דרך-ארץ

סעקרעטאר

ה. עליאָװיטש

ײדישע געזעלשאפט צו פערשפרייטן קונסט
ŻYDOWSKIE TOWARZYSTWO KRZEWIENIA SZTUK PIĘKNYCH
THE JEWISH SOCIETY OF ARTS — SOCIETÉ JUIVÉ DES BEAUX ARTS

Warszawa Sienna 60 — װארשע שעננע 60

רעיעסטער 136/47

װארשע דעם 16 יוני 1947

אויפרוף

די ײדישע געזעלשאפט צו פארשפרײטן קונסט, האלט פאר איר פליכט אויפרופן דאָס ײדנטום פון אומעטום, מיטהעלפן די ײדן פון פוילן, אין זײער גרויסער אויפגאבע ־אפראטעװען די זײער װײניק געבליבענע ײדישע קונסט װערק אין פוילן

אויף דאָס אלװעלטלעכע ײדנטום, מיטן אמעריקאנער ײדנטום בראש, האָבן נאָכן גרויסן חורבן היטלעריזם, אזוי פיל ברײטהערציקײט ארויסגעװיזן אין געבן הילף די געבליבענע רעשטלעך פון פוילישן ײדנטום,״ איז אָן צװײפל געבליבן נאָך א פּאָזיציע צום פארניטעקן. א פּאָזיציע װעלכע קען מיט איר פּאָזיטיװקײט, אפּראָבירן דאָס ײדישע פאָלק אלס קולטור פאָלק, אין פארקערטן פאל אזא סוגעסטיע אָפּװארפן. דערפון שוין איז געדרינגען דער אײפעם מיט װעלכן אונדזער געזעלשאפט האָט זיך גענומען דערצו, אויך די װאָניקײט, װאָס זי שרײבט צו אין לעזן דעם דאָזיקן פּראָבליעם.

שוין לאנג װי עס איז אָפּגעװאָרפן געװאָרן דער פאָרװורף, דאָס ײדן האָבן קײן קונסט נישט געשאפן. יעדער אײנער װאָס איז נור עטװאָס בעהאָװנט אין דעם ענין, װײס דאָס פון סאמע אָנהויב װי ײדן זענען נור אנטשטאנען אלס ציװיליזירט פאָלק, איז בײ זײ כסדר געװען דער דראנג אויסלעבן זיך אויפן געביט פון פלאסטישע קונסט. אויף אלע עטאפן פון דער געשיכטע, װי נור עס איז אנטשטאנען א געמײנשאפטלעכעס קולטור לעבן, האָבן ײדן אין אײנקלאנג מיט זײער גײסטיקן מהות ־גערעדט מיט דער שפראך פון פאָרם. דאָס איז אָן אײגענשאפט א נאטירלעכע פאר יעדן קולטורעלן פאָלק, אײנשליסלעך אויך פאר ײדן. די דאָזיקע שפראך פון קונסט פאָרם, האָט אפש״ר אנדערש געקלונגען

פײ ײדן װי פײ אנדערע פעלקער אײראָפּעיִשע, אָבער דער פאַקט פאַרמינדערט ניִשט דעם װערט אירן, פונקט װי פײ די עגיפּטער, אָדער גריכן קען מען טרעפן צו זײער נשמה ־ארײנדרינגענדיק אין די טיפעניִשן פון זײער קינסטלערישער שאַפונג, אזוי אויך קען מען דערקענען די ײדישע נשמה און דעם ײדישן װעזן פארטיפנדיק זיך אין די יסודות פון ײדישן קינסטלערישן שאַפן. קונסט אין דער בלעכע פון פאָלקס קולטור, איז אזוי ענג פאַרבינדן מיט די איבערקע אירע עליעמענטן, דאָס אָפּרײסן איר װיעלקן די איבערקע. דאָס איז אַן אײנהײטלעכער נאַטירלעכער פּראָצעס, װערן פאַרריבן די שפּורך פון קינסטלערישער לײסטונג פון א געװיסער עפּאָכע פײ א פאָלק, לײדעט דערפון ־ניִשט צום מוחל זײן־ די אלגעמײנע קולטור פון דעם געגעבענעם פאָלק.

דאָס ײדנטום אין פּוילן, פונקט װי די ײדן אין אנדערע לענדער, האָבן אויף די אנאלן פון פּלאַסטישע קונסט זײער רײך בלעטל. אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן, האָבן ײדישע קינסטלער אויך אנאָנימע מײסטער, קאָמפּאָנירט אין פאַרשײדענע מאַטעריאַלן: װי האָלץ, אײדעלע מעטאַלן־פאַרשײדענע אקצעסאָריען צו שהולן און בית־המדרושים. װי פיל פאַנטאַזיע און הויכער קינסטלערישער געשמאַק קענען מיר זען אין רײכן אויסװאַל פון מעש און קופּער און פילינראַן זילבער. פאַרשטענדלעך! אלץ װאָס ײדן האָבן אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן געשאַפן, האָט זיך קאָנצענטרירט ארום דער רעליגיע, דאָס איז געװען ליטורגישעס שאַפן ־אָנגעשפּאַרט אויף דער טראַדיציע נאָך פון דער ביבל. די דאָזיקע לעבעדיקע סטיליזירטע װעלט אין זײער װיזיע פלעגן זײ איבערגעבן פון דור צו דור. דאָס איז ניִשט געװען קײן פאַרגליװערטעס שאַפן, פאַרשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיטן כאַראַקטער און בוי פון דאַמאָלסדיקן ײדישן לעבן. אין קרײז פון צענדלעקער און הונדערטער ספרים, האָט דער ײדישער גײסט באַװעגט זיך דאָ העכער, דאָרט נידריקער, אָבער שטענדיק פאַרקוקט זיך אויף דעם צענטראַל־פּונקט, װאָס איז אין דער סאַמער פרי

פון זײן פאָלקס עגזיסטענץ אײנגעפונדעװעט געװאָרן. אָט אין דאָזיקן קרײז האָט זיך מיט באװעגט, אויך די ײדישע קינסטלערישע שאפונג. צו די זעלבע ספרים. האָבן קינסטלער װיניעטן געמאכט און אויף אַ פרימיטיװן אופן זײ אילוסטרירט. אײדער דאָס ײדישע קינד, האָט אָנגעהויבן קענען פארשטײן דעם זין פון געשריבענעם װאָרט אין דער הגודה, אָדער חומש, האָט ער זיך עס פריער אויסגעטײטשט, דורך די אילוסטרירטע מענטשעלעך, מיט װעלכע די דאָזיקע ספרים זענען געװען אילוסטרירט. די אוממיטלבארע שפראך פון דער אילוסטראציע, האָט דעם ײדישן קינד אָנגערעגט און גערײצט זײן פאנטאזיע. און די לעגענדארע װעלט פון דער ײדישער פארגאנגענהײט, איז פאר אים געװאָרן נאָנט און צוטריטלעך.

ביען שהולן אָדער בית־המדרשים איז בײ ײדן נישט געװען קײן פראגע בלויז פון אויפבויען א הויז װו ײדן זאָלן קענען דאװנען. עס האָט אײנצײטיק נעדארפט דינען אלס אָרט װו דער ײד זאָל זיך קענען מאקסימאל עסטעטיש אויסלעבן. אין דער פאנטאזיע פון דעם ײדן, האָט די שהול אין זײן אינערן געדארפט געבן אן אָפשפיגלונג פון דעם לעגענדארן משכון, אָדער אפילו פון בית־המקדוש. דעריב ער אײז צו זען װי פיל פאקטישער טאלאנט און פיעטעט איז ארײנגעלײגט אין די מאָדעלירונגען פון אן ארון־הקודש, אָדער א באלעמער צו אין אנדערע טײלן פון די דאָזיקע קולט ערטער.

אין פוילן האָבן מיר נעהאט א גאנצע רײ נערימטע שהולן, װאָס האָבן נישט אײן קונסט היסטאָריקער פאראינטערעסירט: מלחמה, שריפת און לעצטנס דיהיטלער מגפה, האָבן דעם ווייט גרעסטן טײל חורב געמאכט. עטלעכע געצײלטע זענען נאָך געבליבן.

און דער חוב פון אונדזער דור ײדן איז;־ פאר יעדן פרײז די דאָזיקע זעלטענהײטן בײם לעבן צו דערהאלטן.

מיר, די יידישע־געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן קונסט, שטייען פֿאַר אַ דאָפּעלער אויפֿגאַבע, אָבער פֿאַר איין און דעם זעלבן ציל. חוץ אָפּראַטעווען די רעשטלעך פֿון פֿאַרגאַנגענעם קונסט־אוצר, מוזן מיר שטיין אויף דער וואַך און קולטיווירן דאָס יעצטיקע קונסט לעבן אין פּוילן. ביידע צילן זענען מיט זיך אָרגאַניש פֿאַרבינדן. אָן טראַדיציע – אויפֿגעפֿאַסט אין זין פֿון פֿאָלקס [illegible] שאַפֿן־ בלייבט דער היינטיקער קינסטלער הענגען אין דער לופֿט.

מיר פּרעציזירן דאָ אַ ריי פּראָיעקטן, וועלכע מיר האַלטן פֿאַר נייטיק גויטיק – דאָס איז כּדי כּל, שאַפֿן פֿאָנדן מיט דער מיטהילף פֿון וועלטלעכן יידנטום פֿאַר די פֿאָלגענדע צוועקן:

1 קאָנסערוואַציע פֿון איינציקע אַלטערטימלעכע – פֿון גרויסן היסטאָריש קינסטלערישן ווערט – שהולן

2 אַרויסגעבן אַ מאָנאָגראַפֿיע אילוסטרירטע פֿון שהולן אַלטערטימלעכע און אַלטערטימלעכע מצבֿות.

3 אַ מאָנאָגראַפֿיע אילוסטרירטע פֿון קינסטלער קדושים, וואָס זענען אומגעקומען פֿון די דייטשע פֿאַשיסטן.

4 אַ פֿאָנד. וועלכער זאָל ערמעגלעכן איינקויפֿן, אויפֿזוכן יידישע קונסט ווערק, סיי די פֿון רעליגיעזן באַראַקטער און סיי די, וועלכע טראָגן שוין אַ וועלטלעכן באַראַקטער, פֿון די נייע צייט.

5 אַ פֿאָנד, וועלכער זאָל ערמעגלעכן דאָס איינקויפֿן ביי דעם יעצט לעבעדיקן שאַפֿנדן יידשן קינסטלער, זיינע ווערק און דערמיט מיטהעלפֿן, אַז די יידישע קונסט אין פּוילן זאָל באַקומען די געהעריקע אַנטוויקלונג.

פֿאַרזיצער
יוסף סאַנדעל

סעקרעטאַר
ם. עליאַוויטש

די יידישע געזעלשאפט
צו פארשפרייטן קונסט
רעיעסטער 137/47

ווארשע דעם 16 יוני 1947

צום
דר. אָטטאָ שנייד ירשלים,

זער חשובֿע פריינט!

מיר דאנקען אייך פון גאנצן הארצן, פאר אייער פאקטיש ווארעמער באציונג צו אנדזער טעטיקייט. מיר שיקן אייך צו דעם אויפרוף צו דער פאריזער קאנפערענץ און בעטן אייך, אינפאלס, אויב אויב איר נזכה וועט זיין אויף דע קאָנפערענץ- אונדזער געזעלשאפט דארטן פארטרעטן. אויב דאגעגן איר וועט נישט פארן קיין פאריז - אזוי בעט זיין און אונדז מיטטיילן. דאמאלס וועלן מיר וועמען אנדערש בעפאלמאכטיקן.

דאָס צווייטע, וואָס מיר וואלטן אייך [illegible] געבעטן איז: מאָבליזירן די די פאליעסטינישע קינסטלער פאר אונדזער זאך. מיר ווילן זיין ענג פאר-בינדן מיט יידישע קינסטלער אין אלע ווינקעלעך פון דער [illegible] וועלט. דאָס האָבן מיר זיך געשטעלט פאר א ציל.

מיר שיקן אייך די הארציקסטע גרוסן פון זיך און פון די יידישע קינסטלער

סעקרעטאר
ח. עליאָוויטש

פאָרזיצער
יוסף סאנדעל

ŻYDOWSKIE TOWARZYSTWO KRZEWIENIA SZTUK PIĘKNYCH

Warszawa, Sienna 60

POCZTA LOTNICZA
POLSKA

WARSZAWA 7
29.5.47-8
17

Dr.

O. Schneid

J E R U S A L E M P. O. B. 1307

Palestina

571

R WARSZAWA

REGISTERED
14 JU 47
HAIFA

WARSZAWA 7
29.5.47-8
12

REGISTERED
15 JU 47

(2)

IB
V

Eljowicz (with Sandell)

3 letters
16·6·47
"
25·10·45

3 photos in # 17

PIONEER ART MANIFESTO NO. 1
Sent from A. Cascone Gallery
830 Yonge Street
Toronto, Ontario, Canada

PRINTED MATTER ONLY
BOOK